בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
קכ"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

יום טוב סוכות
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### לְכָבוֹד יוֹם טוֹב סוּכּוֹת בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ שֵׁיינֶעם שְׁמוּעֶס פוּן חִיזּוּק אוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

### נִישְׁט יֶעדֶע שְׁמֵייכְל מוּז מֵיינֶען אַז מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּנֶעם מְלַמֵּד

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶע רַשִׁ"י אִין דִי פַּרְשָׁה [פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ] וָואס אִיז אַ לִימּוּד פַאר מְלַמְּדִים, מֶען זָאל ווִיסְן אַז נִישְׁט אֵייבִּיג וֶוען אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער - מוּז זַיין אַז דָאס אִיז אַ גֶעלֶעכְטֶער פוּן 'חוּצְפָּה'.

וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהֶערְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד מִיט שָׂרָה, בִּשְׁעַת עֶר אִיז הוּנְדֶערְט יָאר אוּן שָׂרָה אִיז נַיינְצִיג יָאר, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יז, יז): **"וַיִּפֹּל אַבְרָהָם עַל פָּנָיו"**, אַבְרָהָם אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זַיין פָּנִים צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, **"וַיִּצְחָק"**, אוּן עֶר הָאט גֶעלַאכְט, זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיִּפֹּל אַבְרָהָם): דָאס וָוארְט 'וַיִּצְחָק' אִיז אַ **"לָשׁוֹן שִׂמְחָה"**, וְוִי דֶער תַּרְגּוּם טַייטְשְׁט **"וַחֲדִי"** - אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייְדט, אָבֶּער דָאס וָואס שְׁטֵייט בַּיי שָׂרָה (בְּרֵאשִׁית יח, יב): **"וַתִּצְחַק שָׂרָה"**, אוּן שָׂרָה הָאט גֶעלַאכְט, טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגּוּם **"וְחַיְכַת"** - אַ לָשׁוֹן פוּן אָפְּלַאכְן, **"שֶׁאַבְרָהָם הֶאֱמִין וְשָׂמַח"**, ווַייל אַבְרָהָם הָאט גֶעגְלֵייבְּט אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייְדט אַז עֶר גֵייט הָאבְּן אַ קִינְד, **"וְשָׂרָה לֹא הֶאֱמִינָה וְלִגְלְגָה"**, אָבֶּער שָׂרָה הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט נָאר גֶעשְׁפֶּעט: 'וְוִי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן אַ קִינְד וֶוען מֶען אִיז אַזוֹי אַלְט', דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף שָׂרָה פַארְוָואס זִי לַאכְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַבְרָהָם.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען לַאכְן, פוּנְדְרוֹיסְן קֶען אוֹיסְזֶען וְוִי בֵּיידֶע שְׁפֶּעטְן אָפּ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט גְלַייךְ, אֵיינֶער לַאכְט טַאקֶע אוֹיף אָפְּצוּשְׁפֶּעטְן, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער פוּן גְרוֹיס פְרֵייד.

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִימּוּד פַאר מְלַמְּדִים; אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ מְלַמֵּד גֶעבְּט אַ פְּסַק פַאר אַ קִינְד, גֶעבְּט דָאס קִינְד אַ שְׁמֵייכְל, דַארְף דֶער מְלַמֵּד ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נִישְׁט יֶעדֶע שְׁמֵייכְל מוּז מֵיינֶען אַז דָאס קִינְד זוּכְט אָפְּצוּשְׁפֶּעטְן פוּנֶעם מְלַמֵּד; עֶס קֶען זַיין אַז דָאס קִינְד לַאכְט פָּשׁוּט ווַייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וְוִי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן צוּם פְּסַק פוּנֶעם מְלַמֵּד, אָבֶּער אִין אֶמֶת'ן אַרַיין נֶעמְט עֶר אָן דֶעם פְּסַק אוּן עֶר גֵייט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד בִּין אִיךְ גֶעוֶוען דֶער פַארְמִיטָאג מְלַמֵּד, נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעוֶוען אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד, אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פֶערְצִיג יָאר אַ מְלַמֵּד. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד אִין מַיין כִּתָּה וָואס וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּסַק הָאט עֶר זִיךְ צוּשְׁמֵייכְלְט, דֶער נָאכְמִיטָאג מְלַמֵּד הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפּ שְׁלִינְגֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף דֶעם קִינְד, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען זַיין נְשָׁמָה, זַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶענוּמֶען זַיין שְׁמֵייכְל אַלְס אַ 'לָשׁוֹן שִׂמְחָה'... אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס קִינְד מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר לַאכְט פָּשׁוּט ווַייל עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט מֶען זָאל אִים פָארְהַאלְטְן בָּרַבִּים, אָבֶּער עֶר מֵיינְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְצוּלַאכְן דֶעם מְלַמֵּד.

### 'שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער' גֶעבְּט חִיזּוּק אוּן כֹּחַ פַאר אַ מֶענְטְשׁ

אִיךְ ווִיל עֶנְק זָאגְן נָאךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פָארִיגֶע וָואךְ. זַייט פַארְיָאר פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְן שְׁרַייבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ 'חָזִית אִישׁ' אוֹיף זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, פָארִיגֶע וָואךְ עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אַרָאפּ גֶעזֶעצְט אוּן וַוייטֶער גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דְרֵיי וָואכְן, פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, וַיֵּרָא אוּן חַיֵּי שָׂרָה. וָואס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט שְׁרַייבְּן? וַוייל אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר יֶענֶעם טָאג גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו: **"יְיַשֵּׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"**, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיין בְּרִיוו: **"אוּן מִיר זֶענֶען מִתְפַּלֵּל אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל וַוייטֶער הָאבְּן כֹּחַ אוּן צַייט צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ 'חָזִית אִישׁ' אוֹיף זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ ווַייל מִיר בֶּענְקֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ דֶעם"**, - דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן פְרִישֶׁע חִיזּוּק אוּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ שְׁרַייבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע לִימּוּד פַאר מְלַמְּדִים; אַז מֶען הָאט אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס טוּט נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף, קֶען מֶען פְּרוּבִּירְן רֶעדְן צוּ אִים שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן זָאגְן: **"קוּק, אַמָאל הָאסְטוּ אַזוֹי שֵׁיין גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶונְט, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִי צַייטְן..."** וֶועט עֶטְץ זֶען אַז דָאס וֶועט אוֹיפְטוּן, דָאס קִינְד גֵייט פוּן דֶעם בַּאקוּמֶען חִיזּוּק אוּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

•••

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

### דַאן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר דִי אָנְוֶועזְנְדֶע צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אִין עִנְיָנֵי חִינּוּךְ.

### וָואס קֶען מֶען טוּן וֶוען אַ הַאלְבֶּע כִּתָּה קְלָאצְט בַּיים פָארְלֶערְנֶען?

אַ מְלַמֵּד הָאט גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אַ הַאלְבֶּע כִּתָּה קְלָאצְט וֶוען אִיךְ לֶערְן פָאר גְמָרָא?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: דִי עֵצָה אִיז צוּ מַאכְן דָאס

פארלעלרנען מער אינטערעסאנט. ווען איך לערן פאר, פרעג איך פון צייט צו צייט: **"ווי אזוי זאגט מען דעם ווארט אין ענגליש?"** נאכדעם דרוק איך זיך אויס מיט א אנדער סארט אויסדרוק וכו'. איך וויל ענק נישט אויסזאגן אלע מיינע טריקס, ווייל נאכדעם וועט עס אפשר שוין נישט ארבעטן...

דאס איז אבער זיכער אז מען קען נישט א גאנצן פארלעלרנען פארהאלטן די קינדער וואס האלטן נישט מיט: **"נו"**, **"נו"**, **"נו"**, ווייל אז מען זאגט כסדר: **"נו"**, **"נו"**, **"נו"** - טוט עס מער גארנישט אויף.

## וואס קען מען טון מיט א קינד וואס פארטשעפעט זיך כסדר מיט אנדערע?

די זעלבע זאך איז ווען מען וויל אויסלערנען א קינד נישט צו טשעפען, קען מען אים אויך נישט האלטן אין איין זאגן: **"נו"**, **"נו"**, **"נו"**, ווייל דאס איז דאך זיין נאטור! אז מען האלט א גאנצן טאג פאר א קינד, קען מען אים חס ושלום צעברעכן און אים מאכן פאר א משוגענער השם ישמרנו.

איך האב געהאט איינע פון מיינע קינדער וואס יונגערהייט פלעגט ער יעדע פאר מינוט זיך פארטשעפען מיט א צווייטן קינד, איז די ערשטע דריי מאל ווען מען איז מיר געקומען אויסזאגן אז דאס קינד האט געשלאגן, האב איך אים נאך פארגעהאלטן, אבער נאכדעם האב איך זיך שוין געדארפט ארויסדרייען מיט חכמה, איך האב געזאגט פארן קינד וואס איז געקומען אויסזאגן: **"רוף אים אהער!"** און ווען ער איז געקומען - האב איך אים נישט פארגעהאלטן, איך האב אים געהייסן טון א שליחות, ווי ברענגען מיינע שיך, און אויב איך האב שוין געהאט מיינע שיך, האב איך אים געהייסן ברענגען מיינע קראקס...

מען דארף אבער געדענקען צו בעטן דעם אייבערשטן מען זאל וויסן וואס צו טון, ווייל מען קען נישט נאכמאכן א צווייטן; אז דו ווערסט מיך נאכטון, דו גייסט אנהייבן זאגן פאר דיין קינד: **"ברענג מיר מיינע שיך"**, און: **"ברענג מיר מיינע קראקס"** - גייט עס נישט ארבעטן...

די ריכטיגע וועג זיך אומצוגיין מיט אזא קינד איז אים צו באשעפטיגן אז ער זאל נישט האבן קיין ליידיגע צייט זיך צו קריגן מיט אנדערע, אזוי וועט מען נישט זיין פארנומען א גאנצן טאג אים פארצוהאלטן.

## וואס קען מען טון מיט א קינד וואס טשעפעט א נייע געבוירן קינד?

א אינגערמאן האט געפרעגט: **"מיין צווייטיעריג קינד טשעפעט כסדר מיין קליינע בעבי און מיין ווייב קען עס נישט צוקוקן, וואס קען איך טון?"**

האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: דאס קומט פון 'קנאה'; אזוי זענען אלע קליינע קינדער, ווען די מאמע געבוירט א נייע בעבי, איז דאס קינד וואס איז ביז יעצט געווען דער יונגסטער - מקנא, אז די מאמע געבט זיך מער נישט אפ מיט אים אזוי ווי ביז היינט.

די עצה ווי אזוי מען קען מאכט אז דאס קינד זאל נישט טשעפען איז, אז מען געבט אים אויך אטענשאן. אנשטאט אים זאגן: **"גיי ארויס!"** **"גיי אוועק!"** און אים מאכן שפירן שלעכט, געבט מען אים ווייטער אטענשאן, מען לייגט אים אריין אינעם זעלבן קריב (וויגעלע) פונעם נייעם בעבי, און מען געבט אים די בעבי'ס צומי, ער זאל זיך שפירן ווי ער איז אויך די בעבי...

איך האב דאס היינט צופרי געטון מיט מיין זון, איך האב געזען ווי ער קריכט אריין אין די קריב פון מיין קליינע בעבי וואס איז דריי וואכן אלט, האב איך אים געפרעגט: **"דו ווילסט שלאפן אזוי ווי א בעבי?"** און איך האב אריין געלייגט אין די קריב נאך א קישן, איך האב אים אראפגעלייגט אויף דעם קישן, און איך האב געזאגט הויך: **"מאמי, מיר האבן דא צוויי בעבי'ס"**, און מיין זון האט אויפגעלאכט, ווייל יעצט קוקט מען אויך אויף אים.

## ווי אזוי קען מען טרעפן 'נקודות טובות' אין יעדן קינד באזונדער?

א מלמד האט געפרעגט: **"דער ראש ישיבה זאגט ביי די 'חינוך שיעורים' אז מען דארף אויסרימען אלע קינדער פון כתה, איך האב א גרויסע כתה פון דרייסיג קינדער, עס איז מיר שווער צו טרעפן 'דרייסיג' גוטע נקודות, אויסצורימען יעדעס קינד מיט אן אנדערע גוטע נקודה, וואס קען איך טון?"**

האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: מען מוז נישט אויסרימען יעדעס קינד מיט א גוטע נקודה וואס א צווייטער האט נישט; 'צען קינדער' קענען האבן די זעלבע גוטע נקודה. צום ביישפיל, אויב א האלבע כתה האלט מיט דאס פארלערנען, - קענסטו זיי אויסרימען אז זיי 'לערנען פלייסיג', און די אנדערע קינדער וואס קלאצן ביים פארלערנען, אבער ביים דאווענען זענען זיי פיין - קענסטו אויסרימען אז זיי 'דאווענען זייער שיין'.

## ווי אזוי לערנט מען אויס קינדער זיך אויפצושטעלן פארן מלמד?

א מלמד האט געפרעגט: **"איך הער ביי די 'חינוך שיעורים' ווי דער ראש ישיבה זאגט אז קינדער דארפן זיך אויפשטעלן ווען דער מלמד קומט אריין אין כתה, ווי אזוי לערנט מען עס אויס?"**

האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: עס איז זייער וויכטיג אויסצולערנען פאר קינדער זיי זאלן זיך אויפשטעלן פאר זייער מלמד. דאס מיינט נישט אז ווען דער מלמד גייט ארויס פאר א מינוט און ער קומט גלייך צוריק, דארף מען זיך אויפשטעלן; נאר ווען עס הייבט זיך אן א נייע סדר, דאס הייסט, צופרי, נאך הפסקה און נאך מיטאג, זאלן זיך די קינדער אויפשטעלן ווען דער מלמד קומט אריין.

ווען מען רעדט צו קינדער פון זיך אויפשטעלן פארן מלמד, זאל מען אויך רעדן פון זיך אויפשטעלן פאר טאטע מאמע און פאר אן עלטערער איד, אז די קינדער זאלן זען אז דער מלמד מיינט נישט דאס ספעציעל זיין אייגענער כבוד, נאר ער לערנט אויס הלכות וואס שטייט אין שלחן ערוך.

האט דער מלמד געפרעגט: **"ווי אזוי קען מען מאכן קינדער זיך אויפשטעלן אינדערהיים פאר עלטערן, בשעת די עלטערע געשוויסטער טוען עס נישט, די קינדער ווילן זיך דאך שעמען זיך אליינס אויפצושטעלן?"**

האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: קינדער ביז די דרייצן יאר טראכטן נישט די סארט מחשבות פון: 'וואס וועט יענער זאגן אויב איך וועל זיך אויפשטעלן, עס איז דאך אזוי מאדנע', ווייל זיי האבן נאכנישט געזינדיגט, זיי זענען נאך זייער תמימות'דיג.

## וואס קען מען טון אז די קינדער בלייבן שטעקן מיט די זייטיגע זאכן?

א מלמד האט געפרעגט: **"אסאך מאל פארן לערנען אדער אינמיטן לערנען, זאג איך אן אינטערעסאנטע זאך פאר די קינדער, און נאכדעם איז מיר שווער צוריק צו שלעפן די קינדער צום לערנען, ווייל זיי בלייבן שטעקן מיט די אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב זיי געזאגט, וואס קען איך טון?"**

האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: דאס זענען קינדער, און אזוי גייט עס; מען דארף נאר זען אז די אינטערעסאנטע זאכן זאלן זיין תוכן'דיג, עס זאל האבן מיטן אייבערשטן.

## מעג מען שלאגן קינדער?

א מלמד האט געפרעגט: **"וואס איז דער כלל,**

**וֶוען מֶעג מֶען שְׁלָאגְן אַ קִינְד, אוּן וֶוען נִישְׁט?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער!

עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס מֶען מֶעג יָא גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט לִיבּ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, וַוייל אַז מֶען זָאגְט 'מֶען קֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ' וֶועלְן זִיךְ אַלֶע נֶעמֶען טֵיילְן פֶּעטְשׁ טָאג אוּן נַאכְט... פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֶועל אִיךְ עֶס יָא זָאגְן, מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז דָאס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ, מֶען קֶען עֶס נָאר טוּן אוֹיף דֶעם אֵיינְצִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל עֶס זָאגְן.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וֶוען מֶען קֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אִיז, וֶוען אַ קִינְד אִיז אַ 'מְחוּצָף', אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְט נָאר 'אֵיין' פַּאטְשׁ אוֹיף דִי הַאנְט, אוּן נִישְׁט דֶער מְלַמֵד זָאל עֶס גֶעבְּן נָאר דֶער 'מְנַהֵל'!

פַארְוָואס זָאל נִישְׁט דֶער מְלַמֵד גֶעבְּן דֶעם פַּאטְשׁ? וַוייל דֶער מְלַמֵד אִיז יֶעצְט אַרַיינְגֶעטוּן אִין דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אַז עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען שְׁלָאגְן קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ שְׁלָאגְן פוּן כַּעַס, וִוידֶער דֶער מְנַהֵל אִיז אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, פַאר אִים אִיז גְרִינְגֶער אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן פוּן כַּעַס.

אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי מַיינֶע מְלַמְדִים פְלֶעגְן גֶעבְּן דְרַייסִיג פֶערְצִיג פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער; אוֹי הָאט עֶס וֵויי גֶעטוּן! אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן! דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם וַוייל דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעזֶען נָאכְן גֶעבְּן דֶעם פַּאטְשׁ אַז דֶער אִינְגְל גֶעבְּט אַ לַאךְ, אַנְשְׁטָאט צוּ כַאפְּן אַז דֶער קִינְד לַאכְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן בֶּאֱמֶת אִיז עֶר שׁוֹין גוּט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, הָאט דֶער מְלַמֵד צוּגֶעגֶעבְּן נָאךְ צֶענְדְלִיגֶע פֶּעטְשׁ, בִּיז דָאס קִינְד הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין... אַזַא זַאךְ טָאר נִישְׁט גֶעשֶׁען! אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד פַאר פִינְף יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער (אוֹיסֶער אֵיין מָאל, וֶועגְן אַ גֶעוִויסֶע מַעֲשֶׂה).

## וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַ פַּאטְשׁ?

אַ מְלַמֵד הָאט גֶעפְרֶעגְט: **"עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי דֶער מְנַהֵל קֶען גֶעבְּן דֶעם פַּאטְשׁ, עֶר קֶען גֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע פַּאטְשׁ וָואס זָאל אָפְּקְלִינְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, נָאכְדֶעם קֶען עֶר גֶעבְּן אַ שְׁוַואכֶע פַּאטְשׁ אָבֶער עֶר מַאכְט פַארְדֶעם אַ 'הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן' מִיט דְרַאמֶע, דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן; וֶועלְכֶע וֶועג אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: קַיין אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי וֶועגְן; רִיכְטִיג אִיז דֶער מְנַהֵל זָאל זָאגְן פַאר קִינְד: **"קוּק אַהֶער, דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אִיךְ דַארְף דִיר גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ"**, אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אֵיין פַּאטְשׁ אוֹיפְן הַאנְט.

## אַ מְנַהֵל קֶען נִישְׁט צוּפִיל מָאל גֶעבְּן פֶּעטְשׁ וֶועגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ

אַזוֹי וִוי דֶער מְנַהֵל הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעוָוארְן 'מְנַהֵל' אִין דִי וִוילְיַאמְסְבּוּרְגְ'עֶ חֵדֶר, אַזוֹי וִוי אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר. זַייט אָנְהוֹיבּ יָאר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעדַארְפְט גֶעבְּן דְרַיי מָאל אַ פַּאטְשׁ פַאר קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְן מְלַמֵד: **"אִיךְ קֶען קוּמֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַמָאל אַמָאל, אָבֶער אוֹיבּ גֵייט יֶעדְן טָאג זַיין אַ מְחוּצָף, גֵייט עֶקְסְפֵּייעֶרְן (אוֹיסְלוֹיפְן) דֶער מִיטְל; אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט קֶענֶען גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ"**.

אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן אָטַארִיטִי (פִירֶערְשַׁאפְט) אִין כִּתָּה, אָבֶער עֶר דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ זוּכְן נָאךְ אוּן נָאךְ זַאכְן אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוּן פָארְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער.

וֶוען אַ מְלַמֵד הֵייסְט טַייטְלֶען אוּן אַ קִינְד טַייטְלְט נִישְׁט, וֶוערְט עֶר נָאכְנִישְׁט קַיין 'מְחוּצָף'. אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מְלַמֵד זָאגְט עֶפֶּעס אוּן אַ אִינְגְל הֵייבְּט אָן צוּ לַאכְן, מוּז נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין אַז עֶר אִיז אַ 'מְחוּצָף'. מֶען דַארְף אַרוֹיס רוּפְן דֶעם קִינְד אִינְדְרוֹיסְן אוּן זֶען צִי עֶס אִיז דָא אַ סִיבָּה פַארְוָואס דָאס קִינְד שְׁטֶערְט, אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד נִישְׁט גֶעהֶערִיג גֶעגֶעסְן אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶר נִישְׁט גֶעהֶערִיג גֶעשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט.

## זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַ מְנַהֵל

אַ מְלַמֵד הָאט גֶעפְרֶעגְט: **"אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד אִין אַ מוֹסָד אוּן דֶער מְנַהֵל נֶעמְט אַרוֹיס פוּן מַיין כִּתָּה צְווִישְׁן פִינְף אוּן צֶען קִינְדֶער זֵיי זָאלְן צוּלֶערְנֶען פְּרִיוַואט, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מַיין מְנַהֵל אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן גוּט קֶענֶען דִי לִימוּדִים סוֹף וָואךְ אָן דַארְפְן לֶערְנֶען פְּרִיוַואט, אוּן אַזוֹי טוּ אִיךְ טַאקֶע, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז דָאס נֶעמְט מִיר צוּ מַיין יִשּׁוּב הַדַעַת בַּיים פָארְלֶערְנֶען וַוייל אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט אוֹיבּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן טַאקֶע קֶענֶען בַּיים פַארְהֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דוּ דֶערְמַאנְסְט מִיר וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד וִוי אִיךְ פְלֶעג אוֹיךְ צִיטֶערְן וֶוען דֶער מְנַהֵל פְלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען פַארְהֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז 'אִיךְ' וֶועל פַארְהֶערְט, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן בַּיים פַארְהֶער, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס דִי קִינְדֶער צִיטֶערְן... יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט 'מִיר', פַארְוָואס הָאבּ 'אִיךְ' נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן דֶער קִינְד זָאל קֶענֶען? אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אַז דָאס קִינְד אִיז דָא עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג פַארְן נִישְׁט קֶענֶען.

יֶעצְט לְגַבֵּי דִי שְׁאֵלָה, אַז דֶער מְנַהֵל וִויל אַרוֹיס נֶעמֶען קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען פְּרִיוַואט; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים, עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס עֶר טוּט.

## מִיטְן רֶבִּינְ'ס מְהַלֵךְ קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער

אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן בָּחוּרִים, זֵיי טְרֶעפְן גְרוֹיסֶע מוּמְחִים וָואס גֶעבְּן עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה פַאר מֶענְטְשְׁן, זֵיי הֶערְן אוֹיס דִי 'חִינוּךְ שִׁיעוּרִים' וָואס אִיךְ גֶעבּ, אוּן זֵיי זָאגְן: **"עֶס אִיז חִידוּשִׁים נִפְלָאִים, עֶס מוּז זַיין אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ עֶרְגֶעץ גֶעלֶערְנְט זַיין וֶועג אִין חִינוּךְ"**, בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ בִּין אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען זִיךְ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער, וָואס יָא? אִיךְ לֶערְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִיךְ זֶע וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ קִינְד דַארְף מֶען גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב). אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף דֶעם וֶועג - קֶען מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער.

## מֶען טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן 'תְּפִלָּה'

נָאךְ אַלֶע עֵצוֹת טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן, וַוייל מֶען קֶען זַיין אַ 'חָכָם מְחוּכָּם' אוּן אָן 'תְּפִלָּה' קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן.

## אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּן חִינוּךְ

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים פַאר מְלַמְדִים, עֶס אִיז כְּדַאי אַז אַלֶע מְלַמְדִים אוּן מְחַנְכִים פוּן דִי מוֹסָד זָאלְן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים. וֶוען אִיךְ וָואלְט הַיינְט גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד, וָואלְט אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים; דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען פוּל מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סַיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה

**לְכָבוֹד יוֹם טוֹב סוּכּוֹת בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ שֵׁיינֶעם שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס שְׁנַת תשפ"ג, נָאכְן פָּארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא** (גִיטִין דַף נג) **וָואס אִיז פוּל מִיט שֵׁיינֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה.**

## זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ

אַזוֹי וִוי נֶעכְטְן מוֹצָאֵי שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין 'לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר' פַּאר דִי אִינְגֶעלַייט אַזוֹי וִוי יֶעדֶע וָואךְ, וֶועל אִיךְ יֶעצְט רֶעדְן אַבִּיסְל חִיזוּק פַּאר אִינְגֶעלַייט וֶועגְן שַׁבָּת.

שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'ע זַאךְ, שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אִיז אַ יְסוֹד פַּאר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ!

שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת מַאכְט מֶען נִישְׁט מֵהֵיכִי תֵּיתֵי, דָאס פְּלַאנִירְט מֶען פִּינְקְטְלִיךְ אוֹיס פוּן פָארְאוֹיס וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט זַיין. מֶען קֶען נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן אוֹיבְן אָן בַּיי דִי סְעוּדָה כְּאִילוּ מֶען טוּט דָא אֵיינֶעם אַ טוֹבָה, אוּן אַיינְשְׁלָאפְן בַּיי דִי פִישׁ... אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ זִיצְן בַּיי דִי סְעוּדָה אוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת, אוּן אַבִּיסְל רֶעדְן מִיט זֵיי.

גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין מָאנְטָאג אָן אַ מַעֲשֶׂה וָואס דוּ גֵייסְט דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי סְעוּדָה. עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס טְרַאכְטְן: 'וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען קַיין מַעֲשִׂיוֹת וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת?' קֵיינֶער דֶערְמַאנְט זִיךְ נִישְׁט קַיין מַעֲשִׂיוֹת אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה. עֶס זֶענֶען דָא בַּעֲלֵי דַרְשָׁנִים וָואס הֵייבְּן אָן זֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת: **"בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט צוּ רֶעדְן, נָאר אַזוֹי וִוי מֶען הָאט מִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן, אִיז 'אֵין מְסָרְבִין לְגָדוֹל', וֶועל אִיךְ רֶעדְן וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעטְרַאכְט"**, - וֶוען הָאסְטוּ דָאס גֶעטְרַאכְט, מַמָּשׁ יֶעצְט אִינְמִיטְן קֵייעֶן דִי עֶסְן?... עֶס קֶען נִישְׁט זַיין; קֵיינֶער דֶערְמַאנְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פַּאר דִי סְעוּדָה וָואס מֶען גֵייט דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי סְעוּדָה!

אִינְמִיטְן דִי וָואךְ דַארְף מֶען שׁוֹין טְרַאכְטְן: 'וָואס גֵיי אִיךְ דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס,' 'וָואס גֵיי אִיךְ דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי סְעוּדָה שַׁבָּת צוּפְרִי', מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן וָואס מֶען גֵייט דֶערְצֵיילְן אוּן מֶען חַזֶר'ט זִיךְ עֶס אַיין. וָואס מֵיינְט עֶטְץ, וֶוען אִיךְ דֶערְצֵייל מַעֲשִׂיוֹת בַּיי דִי סְעוּדוֹת, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ דִי מַעֲשִׂיוֹת אִינְמִיטְן עֶסְן דִי פִישׁ? פַאר שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט אוּן גֶעטְרַאכְט וֶועלְכֶע מַעֲשֶׂה אִיךְ גֵיי דֶערְצֵיילְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן וֶועלְכֶע מַעֲשֶׂה אִיךְ גֵיי דֶערְצֵיילְן שַׁבָּת צוּפְרִי.

## לֵייג אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי נֵייעֶס

אוֹיבּ אִיז דָא אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נֵייעֶס אִין דִי וֶועלְט, קֶען מֶען נֶעמֶען דִי נֵייעֶס אוּן עֶס מְשַׁלֵּב זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָא אִין שְׁטֶעטְל הַאלְט אִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין נֵייעֶס, דָא בִּין אִיךְ אוֹיסְגֶעשַׁאלְטֶערְט פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶערְצֵיילְט מִיר עֶפֶּעס אַ נֵייעֶס אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְק וַוייזְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען עֶס מְשַׁלֵּב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: דִי נֵייעֶס פוּן דִי שְׂרֵיפָה וָואס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין קַאנַאדֶע אוּן דִי רוֹיעֶךְ הָאט זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט זֵייעֶר וַוייט. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת וֶועסְטוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, שְׂרֵיפוֹת קוּמֶען פוּן דֶעם אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים (אוֹת צַדִּיק חֵלֶק א', סִימָן קסה), אוֹיךְ פוּן שִׂנְאַת חִנָּם, אַז מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן (אוֹת אַהֲבָה חֵלֶק א', סִימָן ב); קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן וֶועגְן שְׂרֵיפוֹת.

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דִי נֵייעֶס פוּן דִי שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס פוּן רוֹיעֶךְ וָואס קוּמְט פוּן קַאנַאדֶע, קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סז) אַז עֶס זֶענֶען דָא 'עֲנָנִין דִּמְכַסְּיָן עַל עֵינָא', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראָל, נָאר עֶס אִיז דָא אַזוֹי וִוי וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶע נֵייעֶס וָואס פַּאסִירְט אִין דִי וֶועלְט קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת פַּארְוָואס דָאס אִיז גֶעקוּמֶען. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַ שְׁלַאנְג הָאט גֶעבִּיסְן, קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת מְרִיבָה (חֵלֶק א', סִימָן צד) אוּן אוֹת צַדִּיק (חֵלֶק א', סִימָן מא); אַז אַ הוּנְט הָאט גֶעבִּיסְן, קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת אֲכִילָה (חֵלֶק ב', סִימָן ט) אוּן אוֹת לָשׁוֹן הָרָע, (חֵלֶק א', סִימָן יז) אוּן אוֹת עוֹנֶשׁ (סִימָן ו).

דֶער עֶצֶם זַאךְ אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אֲפִילוּ מֶען בְּלַייבְּט בַּיי דִי נֵייעֶס, וַוייל אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער דִיךְ שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן.

## דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה

נֶעכְטְן סַיי צוּפְרִי בַּיים פָּארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט בַּבְלִי אוּן סַיי נָאכְמִיטָאג בַּיים פָּארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אִיבֶּער דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן אַרָאפְּלֵייגְן דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, זֵיי זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה.

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לֵייגְן נִישְׁט אַרָאפּ דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, וַוייל זֵיי וִוילְן קֶענֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער פַּאר דִי סְעוּדָה, אוּן הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע סְעוּדָה אָן דִי קִינְדֶער וָואס טַאנְצְן אַרוּם, דְרֵייעֶן אִיבֶּער אוּן שְׁטֶערְן זֵייעֶר רוּאִיגְקֵייט; אֵיי, פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ קִינְדֶער? פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַ הוֹיז? פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַ דֵיינִינְג רוּם (שַׁבָּת שְׁטוּבּ) פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַ סְעוּדָה? - אוֹיבּ נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער! פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן מַאכְן אַ שְׁנֶעלֶע סְעוּדָה מִיט דַיין וַוייבּ אוּן גֵיין שְׁלָאפְן? וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר? עֶס אִיז דָאךְ שַׁבָּת! דָאס אִיז דָאךְ אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה! מַאךְ אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער!

לָאמִיר דִיר פְרֶעגְן: פַאר אַ חֲתוּנָה לֵייגְסְטוּ אַרָאפּ דַיינֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן? - יָא! [אַזוֹי טוּעֶן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן נֶעבֶּעךְ חֲתוּנוֹת בִּיז פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס. בַּיי אוּנְז פֶעלְט דָאס נִישְׁט אוֹיס, וַוייל מִיר מַאכְן דָאךְ דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה אוּן מִיר עֶנְדִיגְן אַ חֲתוּנָה עֶלְף אַזֵייגֶער, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְרִיעֶר פוּן סְתַּם אַ נַאכְט, וַוייל גְלַייךְ וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דִי חֲתוּנָה גֵייט מֶען אַהֵיים שְׁלָאפְן; מֶען קֶען אֲפִילוּ אוֹיפְבְּלַייבְּן אַ נַאכְט בֶּעפָאר מִיטְן חֶשְׁבּוֹן אַז מָארְגְן גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה גֵייט מֶען דָאךְ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי...] אֵיי זֵיי וֶועלְן דָאךְ זַיין אוֹיף בַּיי דִי חֲתוּנָה, אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרוּמְטַאנְצְן אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן?! - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: אַזוֹי קוּמְט עֶס, הַיינְט אִיז אַ חֲתוּנָה זָאלְן דִי

קינדער זיין אויף און מיטהאלטן די גאנצע חתונה, די זעלבע זאך איז שבת; שבת איז אויך א חתונה! לייג שלאפן דיינע קינדער פרייטאג נאכמיטאג אז ביינאכט זאלן זיי קענען זיצן ביי די סעודה!

### פארוואס טערארזירסטו דיינע קינדער?

מען דארף האבן אסאך געדולד פאר די קינדער, מען קען נישט טעראריזירן די קינדער ווען זיי טאנצן און שפרינגען.

עס זענען דא משפחות וואס לאזן נישט זייערע קינדער טאנצן אויפן קאוטש (סאפע); מען טעראריזירט די קינדער און מען האקט זיי אן מיט העננגערס, אויב זיי דערוואגן זיך צו טאנצן אויפן קאוטש... - וואס דארפסטו, א קאוטש אדער קינדער?! פארוואס דארפסטו א קאוטש - אויב נישט פאר די קינדער?!

עס מיינט נישט צו זאגן אז מען זאל האבן א 'הפקר שטוב', לאזן די קינדער טון וואס זיי ווילן און זיי גארנישט זאגן. איך דארף רעדן פון דעם ווייל דא אין היכל הקודש איז געווען תלמידים וואס האבן זיך טועה געווען מיט דעם, עס זענען געווען משפחות וואס האבן געלאזט זייערע קינדער זיין צעלאזט און טון וואס עס גליסט זיך אין זייערע אויגן, ווייל 'מוהרא"ש זאגט מען דארף האבן געדולד צו קינדער'...

עטץ קענטס ענק נישט פארשטעלן וואס עס האט זיך אפגעטון ביי זיי אינדערהיים, איך האב עס צוריקגעהערט פון זייערע קינדער, עס האט געקענט פאסירן אז איין קינד גיסט אויס פיש זאפט, א צווייטער גיסט אויס זופ, א דריטער נעמט 'קאקאש קעיק' און שמירט עס אן אין די גאנצע הויז, און טאטע מאמע שטייען שטיל אין די זייט, ווייל 'מוהרא"ש זאגט מען טאר גארנישט זאגן פאר די קינדער'...

מיין ווייב תחי' איז אמאל געווען ביי איינעם אינדערהיים, האט זי געזען ווי א קינד האט זיך אויפגערעגט אויף די מאמע, און גענומען א באטל קעטשאפ און אנגעשפריצט די דאך און די ווענט פון די הויז... און די מאמע איז געשטאנען און געשמייכלט, ווייל 'מוהרא"ש זאגט מען זאל האבן געדולד צו די קינדער'...

צו זאגן דעם אויסדרוק: **"מען טאר גארנישט זאגן פאר די קינדער"**, דארף מען זיין זייער נישט קלוג!

מוהרא"ש האט טאקע געזאגט מען זאל האבן געדולד צו קינדער, אבער נישט אז די קינדער זאלן קענען טון וואס עס פאלט זיי ביי! קינדער קענען נישט איבערדרייען א הויז!

אבער אז א קינד טאנצט אויפן קאוטש, איז וואס? לאז דיין קינד לעבן!

### אין ברסלב איז גרינגער די סעודות

אין ברסלב איז גרינגער די סעודות, ווייל דער רבי האט זיך געפירט צו זינגען 'אזמר בשבחין' און 'אסדר לסעודתא' נאך קידוש, קען מען קודם עסן די חלה מיט די פיש, און נאכדעם זינגט מען די זמירות.

אין די וועלטליכע ברסלב זינגט מען 'אזמר בשבחין' תיכף נאך המוציא; מען עסט א כזית חלה און מען זינגט גלייך 'אזמר בשבחין'. אבער מוהרא"ש איז געווען א פראקטישער מענטש, מוהרא"ש האט געזאגט, עס אויך די פיש מיט די דיפס, נאכדעם ווען מען איז שוין אביסל זאט זאל מען זינגען די זמירות.

מען דארף אבער געדענקען צו זיין זייער שטארק און געדענקען ווען מען ענדיגט עסן די פיש צו זינגען זמירות, ווייל מען קען בלייבן מיט די חלה און דיפס פאר צוויי שעה און אינגאנצן פארגעסן צו זינגען זמירות...

איך פיר זיך, ווען מען ענדיגט עסן די פיש, טראגט מען ארויס די טעלער און מען וואשט זיך די הענט, און גלייך ווען מען זעצט זיך צוריק אראפ הייבט מען אן צו זינגען זמירות.

מען דארף נישט מאכן קיין לאנגע סעודות. א שיינע סעודה דארף נישט געדויערן דריי שעה. א סעודה מיט קינדער נעמט צווישן א שעה, א שעה א האלב, און צוויי שעה, עס ווענדט זיך לפי גודל המשפחה.

### מאך די שבתון אינדערהיים...

א שבת'דיגע סעודה מאכט מען נישט 'מהיכי תיתי', איך טראכט א גאנצע וואך פון די שבת'דיגע סעודות, ווי אזוי גייט עס זיין, וואו גייט מען זיצן, און ווי אזוי גייט מען דעקן דעם טיש אויף די שענסטע וועג!

ליידער זענען מענטשן נאר פארנומען מיט זייער פרנסה, אייער קיכל און אנדערע עסן, אבער צו די קינדער האט מען נישט קיין געדולד, די גאנצע שבת איז נאר די עסן, און די קינדער מאכן נערוועז...

מענטשן זוכן צו גיין צו 'שבתון'ס פון ארגעניזאציעס וואס מאכן (אן אזוי גערופענע) קידוש השם און געבן איבער מעסעדזשעס פאר כלל ישראל, אבי נישט צו זיצן מיט זייערע אייגענע קינדער ביי די סעודות, און נאך שבת רעדט מען ווי גרויס דער התעוררות איז געווען ביי די 'שבתון'... - פארוואס זוכסטו צו אנטלויפן צו 'שבתון'ס? אינדערהיים איז דיר נישט אינטערעסאנט? מאך א שבתון אינדערהיים! מאך דעם התעוררות אינדערהיים! פארוואס איז דיר נישט אינטערעסאנט א 'שבתון' אינדערהיים? ווייל עס איז נאר דא די אייגענע ווייב און מען דארף אריינגעמען דעם איבערשטן אין שטוב?! בעט דעם איבערשטן דו זאלסט הנאה האבן צו זיצן מיט דיינע קינדער ביי די סעודות און פארברענגען מיט זיי, און זיי דערציילן שיינע מעשיות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט: קענסט מיר מסביר זיין פארוואס דו האסט נישט ליב צו זיצן מיט דיינע קינדער ביי די סעודות? פארוואס האסטו מיט די נערוון? עס איז דאך אזא געשמאקע זאך!

...

### נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט ווער עס האט שאלות - זאל פרעגן.

### איז גוט צו מאכן פרי שבת?

א אינגערמאן האט געפרעגט: **"פארוואס מאכט מען נישט אין 'היכל הקודש' פרייטאג צו נאכטס א מנין וואס דאווענט פארן זמן הדלקת הנרות?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען דֶערְקֶעגְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אוֹיבּ מֶען וֶועט דַאוֶוענֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס פְּרִי, וֶועט מֶען צוּקוּמֶען צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִינֶעם זְמַן פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

פּוּק חֲזִי מַאי עַמָּא דְּבַר; קוּם אִין בָּארָא פַּארְק וֶועסְטוּ זֶען, דִי אַלֶע וָואס מַאכְן 'עֶרְלִי שַׁבָּת' (פְּרִי שַׁבָּת), זֶענֶען מְחַלֵּל שַׁבָּת פַאר זְמַן רַבֵּינוּ תָּם, קוּק וויפִיל קַארְס פָּארְן שׁוֹין אַהֵיים פַאר זְמַן רַבֵּינוּ תָּם. דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט מַאךְ נִישְׁט פְרִיעֶר דֶעם שַׁבָּת.

דָאס אִיז לְגַבֵּי אַיינְצוּפִירְן צוּ דַאוֶוענֶען פְּרִי, אָבֶּער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פְּרִיוָואט אִין זַיין הוֹיז אִיז יָא כְּדַאי מֶען זָאל צִינְדְן פְּרִי דִי לִיכְט, בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען גֶעצִינְדְן צְווַיי שָׁעָה פַארְן זְמַן; אַזוֹי שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן עֶס קוּמְט נָאךְ פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ.

דֶער זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת אִיז הַיינְט 8:20, וָואס אִיז דָא צוּ טוּן מִיט אַזַא לַאנְגֶע פְרַייטָאג? פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט זַיין גְרֵייט פְרִיעֶר, פַארְוָואס דַארְף זִיךְ טוּן בַּיים זְמַן אַזַא בֶּהָלָה?! מֶען זֶעט קְלָאר אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס אַ רוּחַ רָעָה, אַ שֵׁד, וָואס בְּרֶענְגְט אַן אַ בֶּהָלָה פַארְן זְמַן, אַנְדֶערְשׁ שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט.

## אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער פַאר דִי סְעוּדָה?

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט: **"אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער פַאר דִי סְעוּדָה?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי זְמִירוֹת אַז מֶען פִירְט זִיךְ צוּ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער פַאר דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער טַעַם אִיז ווייל אַ גַאנְצֶע וָואךְ מַאכְט זִיךְ אַז דָא הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דֶעם קִינְד, אוּן דָא הָאט מֶען גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶעם קִינְד, זָאל מֶען כַאטְשׁ שַׁבָּת אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט בַּיי מִיר צוּ בֶּענְטְשְׁן דִי קִינְדֶער פַאר דִי סְעוּדָה, ווייל בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א בֶּענְטְשְׁט מֶען נִישְׁט דִי קִינְדֶער פַאר דִי סְעוּדָה.

אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט אַז לוֹיט דֶעם טַעַם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט דִי קִינְדֶער כְּדֵי אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דִי קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט זֵיי גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אִיז מֶען אוֹיךְ יוֹצֵא דָאס בֶּענְטְשְׁן מִיט דֶעם וָואס מֶען גִיבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען לוֹיבְּט אוֹיס יֶעדְן קִינְד, אוּן מֶען זָאגְט אִיבֶּער וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין מְלַמֵּד ווִי ווָאויל עֶר אִיז אִין חֵדֶר.

עֶס מַאכְט זִיךְ אַלְץ אַז מֶען אִיז מִיט אֵיין קִינְד צוּזַאמֶען מִיט דִי ווַייבּ, אִין קָאךְ אָדֶער אִין שְׁלָאף שְׁטוּבּ, גֶעדֶענְק אִיךְ אַלְץ אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם גֶעלֶעגֶנְהַייט, אִיךְ זָאג פַאר מַיין ווַייבּ אִין פָּארְנְט פוּן דֶעם קִינְד: **"מַאמִי, שְׁכֹּחַ אַייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דֶעם קִינְד", "מַאמִי, קוּק זַיין פָּנִים שַׁיינְט".**

## וֶוען זָאל מֶען זִינְגֶען אַזַמֵּר בִּשְׁבָחִין?

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט: **"אוֹיבּ עֶס אִיז דָא צַייט נָאךְ 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם' בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן דִי סְעוּדָה, צִי מֶען קֶען זִינְגֶען אָדֶער מֶען זָאל עֶס דַוְקָא אִיבֶּערְלָאזְן אוֹיף נָאךְ דִי פִישׁ?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין הֲלָכָה, מֶען קֶען טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָבֶּער עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ הֶעלְפְן אַנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה ווִי זִינְגֶען 'אַזַמֵּר בִּשְׁבָחִין' פַאר קִידּוּשׁ. וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן שׁוּל, הֵייבּ אִיךְ נִישְׁט אָן צוּ זִינְגֶען 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם', אִיךְ קוּק זִיךְ קוֹדֶם אוּם צִי דִי סְעוּדָה וֶועט זַיין גְרֵייט אִין פִינְף מִינוּט בִּיז אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן זִינְגֶען 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם', אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ נִישְׁט - גֵיי אִיךְ אַרַיין אִין קָאךְ אוּן אִיךְ הֶעלְף אַנְגְרֵייטְן וָואס מֶען דַארְף, נָאכְדֶעם הֵייבּ אִיךְ אָן זִינְגֶען 'שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם'.

אִיךְ פְּרוּבִיר אַלְץ צוּ מְסַדֵּר זַיין אַז דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה בִּיז צוּ דִי זוּפּ זָאל שׁוֹין זַיין גְרֵייט פַאר קִידּוּשׁ, כְּדֵי מַיין ווַייבּ זָאל נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֵיין אִין קָאךְ בַּיי דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה; אִיךְ ווִיל מַאכְן דִי סְעוּדָה צוּזַאמֶען מִיט מַיין ווַייבּ. פַאר קִידּוּשׁ גְרֵייט מֶען שׁוֹין אָן דִי פִישׁ אוּן דִי דִיפְּס אִין דִי טֶעלֶערְס, אַז נָאךְ קִידּוּשׁ זָאל מֶען נִישְׁט דַארְפְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי בֶּעקֶעלֶע פִישׁ פוּן פְרִידְזְשֶׁעדֶער אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג, נָאר מֶען שִׁיקְט אַרַיין דִי קִינְדֶער אִין קָאךְ אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרַיין דִי אָנְגֶעגְרֵייטֶע פָּארְצִיעֶס.

## וָואס טוּט מֶען וֶוען קִינְדֶער לוֹיפְן אַוֶועק פוּנֶעם שַׁבָּת טִישׁ?

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט: **"מַיין פִינְף זֶעקְס יֶערִיגֶער קִינְד לוֹיפְט אַוֶועק זִיךְ שְׁפִּילְן וֶוען אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת, אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיקְקוּמֶען?"**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעעֶנְטְפֶערְט: עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, דַארְפְסְט אִים נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן, דוּ זִינְג שֵׁיין דִי זְמִירוֹת, אוּן בַּאלְד וֶועט עֶר צוּרִיק קוּמֶען.

מֶען דַארְף מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן 'וֶועלְן' צוּרִיק קוּמֶען, מֶען קֶען זָאגְן הוֹיךְ: **"מֶען גֵייט שׁוֹין גֶעבְּן דִי גוּטֶע זַאכְן"**, וֶועלְן דִי קִינְדֶער צוּרִיק קוּמֶען.

אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז נִישְׁט קֵיין 'תְּפִיסָה' פַאר קִינְדֶער, וָואס מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט רִירְן אוּן רוּקְן פוּן פְּלַאץ.

דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן חִינוּךְ, צוּ נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג; רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ גֵיין עֶקְסְטְרֶעמְס, אָדֶער צִיפְּט עֶר דִי קִינְדֶער, קֵיינֶער טָאר זִיךְ נִישְׁט רִירְן, אָדֶער קֶען מֶען זַיין צֶעלַאזְט אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה. דֶער אַרְבֶּעט פוּן חִינוּךְ אִיז צוּ נֶעמֶען דֶעם מִיטְל וֶועג, צוּ ווִיסְן ווָען זָאגְן אוּן מֶעסְטְן וויפִיל צוּ זָאגְן אוּן וֶוען צוּ זָאגְן, וָואס דַארְף אִיךְ יָא קוּקְן אוּן וָואס דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן, אוּן וָואס מֵיינְט נִישְׁט צֶעלַאזְט אוּן וָואס מֵיינְט יָא צֶעלַאזְט.

מֶען קֶען נִישְׁט טֶערָארִיזִירְן קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אַז זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַז אַ סְעוּדָה אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ, חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף עֶס מַאכְן מִיט חָכְמָה, מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט תְּפִלָּה. אוּן לְאָמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אוּנְז, קוֹדֶם דַארְפְן מִיר הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי סְעוּדוֹת, נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין טוּן אַלֶע חָכְמוֹת צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם טִישׁ.

דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

## אַז מֶען פָּאלְגְט אַן עֶרְלִיכְן אִיד, הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג גֵיין חוֹל הַמוֹעֵד צוּ דִי פְּלֶעי, הָאט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִים עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין. עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט; דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל פַּארְקוֹיפְן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט אִים הַאלְטְן מִיט דִיר חוֹל הַמוֹעֵד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֶענֶער פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר פְרֶעגְט זַיין רֶבִּי אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים, דָאךְ פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי 'מְפִיבֹשֶׁת' אַלֶע זַיינֶע שְׁאֵלוֹת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת. דֶעם זוּן הָאט מֶען גֶערוּפְן 'כִּלְאָב' וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשֶׁעמֶען; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

וָואס הָאט דָאס פְרֶעגְן אַ רֶבִּי אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אִים עֵצוֹת וִוי צוּ הָאבְן אַ זִיס לֶעבְן, עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ אוּן עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט סַיי עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר הָאבְן קִינְדֶער צַדִיקִים. וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ טוּן אַזוֹי וִוי דֶער טַאטֶע, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן פָאלְגְן; אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַלֵיינְס מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם קָאפּ, אָדֶער עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(קֻנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח, שְׁנַת תשע"ט)

## אִינְוֶועסְטִיר נָאר אִינְדֶערְהֵיים, וֶועסְטוּ הָאבְן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִן הַסְּתָם קוּמְט מֶען צוּ דִיר אוֹיךְ מִיט דִי חֲלוֹמוֹת אַז מֶען קֶען יֶעצְט אִינְוֶועסְטִירְן אוּן מַאכְן אַסַאךְ רְוָוחִים וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶעס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, הֶער נִישְׁט אוֹיס, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן; אִינְוֶועסְט אִין דַיין שְׁטוּבּ, אִינְוֶועסְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער, אִינְוֶועסְט אִין דַיין נְשָׁמָה.

גֵיי אַהֵיים צַייטְלִיךְ, בְּלַייבּ נִישְׁט אִין גַאס, גֵיי אַהֵיים הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ. זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער. אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן – וֶועסְטוּ נָאךְ אַבִּיסְל זִיךְ זֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶער בִּיק אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וִויסְן וָואס צוּ טוּן מִיט אִים, עֶר וֶועט דִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, עֶר וֶועט דִיר שְׁפֵּייעֶן אוּן לַאכְן אִין פָּנִים.

אַזוֹי אוֹיךְ דַיינֶע טֶעכְטֶער, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן אִין זֵיי יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, דוּ וֶועסְט זֵיי לָאזְן הֶפְקֵר, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער זַיין אִין דַיין טֶעלֶעפָאן מִיט דַיינֶע כְּלוֹמְרְ'שֶׁע חֲבֵרִים – וֶועסְטוּ זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל זֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל וָואס וֶועט דִיר אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן; זִי וֶועט דִיר דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְן חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט אָנְשְׁרֶעקְן, אִיךְ וִויל דִיר אָבֶּער אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, פוּן דַיין טִיפֶע חָלוֹם, פוּן אִינְוֶועסְטִירְן אוּן פוּן מַאכְן נָאךְ גֶעלְט אוּן נָאךְ גֶעלְט אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים; גֵיי אַהֵיים, זִיץ אִין שְׁטוּבּ, בַּיינַאכְט גֵייט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס אִין גַאס. קוֹדֶם זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אַבִּיסְל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, נָאכְדֶעם, וֶוען זֵיי גֵייעֶן שְׁלָאפְן – זָאלְסְטוּ אַבִּיסְל רֶעדְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן אַבִּיסְל אַסַאךְ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי פָּאלִיטִיק, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט אוֹיסְמַאכְן וֶוער עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְּרֶעמִיעֶר מִינִיסְטֶער אִין מְדִינַת יִשְׂרָאֵל אוּן וֶוער עֶס גֵייט וֶוערְן גָאוֶוערְנָאר אִין נְיוּ יָארְק, אַלֶעס וֶועט בְּלַייבְן דִי זֶעלְבֶּע. אַלֶעס אִיז הֲבֵל הֲבָלִים; אַלֶעס אִיז נָאר אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר פִירְט אַלֶעס, מַאכְט אַלֶעס אוּן אִין אִים וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ הָאסְט גֶעוואוּנֶען, דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קֻנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, שְׁנַת תשפ"ג)

## אַז עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג דִי פְּלֶעיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ פְּלֶעי חוֹל הַמוֹעֵד; אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַ פְּלֶעי, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט אוּנְז גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, מִיר הָאבְן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין. אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיק אִיךְ נִישְׁט צוּ קַיין פְּלֶעיס, אִיךְ הַאלְט זֵיי מִיט מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵיי צוּ מַאכְן גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי נַארִישֶׁע פְּלֶעיס.

וָואס קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואס וֵוייס אִיךְ

פאר מיר וואס צו טון; מאך התבודדות, בעט דעם אייבערשטן זאלסט וויסן וואס צו טון.

בעיקר זאלסטו זען עס זאל זיין פרייליך אין שטוב.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(קנטרס עצתו אמונה חג הפסח, שנת תשפ"ג)

## פירן א פשוט'ע ביליגע לעבן, קען שאטן פאר די קינדער?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מאמע פון א קינדער געבענטשטע פאמיליע, איך פרוביר זיך צו האלטן צו א ביליגע סטאנדארט, צו קויפן די ביליגסטע, און אפילו נעמען גענוצטע וועש פון אנדערע, און ווען עס קומט חול המועד גייען מיר נאר צו פשוט'ע פלעצער צו פארברענגען. ווידער מיינע שוועסטער און שוועגערינס האלטן זיך זייער הויך, זיי קויפן אלץ טייערע זאכן, און מען גייט אויף ווייטע און טייערע אויספלוגן.

איך וויל וויסן אויב דאס וועט נישט שאטן פאר מיינע קינדער וועלכע קענען שפירן אז זיי זענען באַ'עוולט געווארן, זיי זענען די נעבעך'ס, זיי באקומען נישט אזויפיל ווי זייערע קרובים.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת שמיני-ב, כ"ג ניסן, אסרו חג פסח, שנת תשע"ח לפרט קטן

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר ציט אויף אייער משפחה איידל און באשיידן וכו'.

וויסן זאלט איר, די קינדער וואס מען צערטעלט (ספוילט) זיי, מען טוט זיי אן ווי קעניגן און מען טראגט זיי חול המועד האלטן אויף די זון און די לבנה וכו' - אויף זיי איז א גרויסער רחמנות, ווייל געבן פאר די קינדער אלעס וואס זיי ווילן און אלעס וואס זיי חלומ'ען דאס מאכט זיי פאר א נעבעך.

געבן פאר די קינדער אלעס וואס זיי בעטן וכו' - איז א פוילע וועג אין חינוך; עלטערן כאפן זיך נישט אז דאס אנטון די קינדער מיט די טייערסטע קליידער און מיט די נייסטע מאדעס - וועט זיי שפעטער קאסטן א טייערע פרייז.

קינדער דארפן גארנישט, קינדער דארפן נאר איין זאך: "א ווארעמע שטוב"; קינדער וואס האבן א ווארעמע שטוב, זיי וואקסן אויף אין א שטוב וואו די עלטערן האבן זיך ליב, וואו די עלטערן זענען זיך מכבד איינער דעם צווייטן - די קינדער קענען נישט ווערן קיין נעבעך'ס. קינדער וואס מען רעדט שיין צו זיי, מען דערנידערט זיי נישט, מען שרייט נישט אויף זיי - די וואקסן אויף געזונט.

דערביי זאלט איר נישט מורא האבן ווייטער צו מחנך זיין אייערע קינדער פשוט און ביליג און איר זאלט נישט קוקן אויף א צווייטן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ו:): "כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת, פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְּרוּם", ווען א מענטש קוקט אויף א צווייטן, ער וויל געפעלן פאר א צווייטן, ווערט ער אזוי ווי א קאלירטע פייגל וואס טוישט יעדן טאג איר קאליר, ווייל זי דארף פאר יעדן איינעם אנדערש אויסקוקן - דאס איז נישט קיין לעבן; אז מען זוכט נאר צו געפעלן א צווייטן דעמאלט איז מען א נעבעך, אבער ווען מען לעבט פאר'ן אייבערשטן, מען לעבט פאר זיך - דעמאלט לעבט מען א גוט לעבן.

נאכאמאל, קיינער זאל אייך נישט איינרעדן אז אויב איר וועט נישט געבן פאר די קינדער דאס טייערסטע און דאס בעסטע וכו' וכו' וועלן זיי שפעטער זאגן אז מען האט זיי באקעוועלקט; פארקערט, די אלע וואס שרייען אז מען האט זיי גארנישט געגעבן וכו' - קומען פון שטובער וואס מען האט זיי באמת געפייניגט, פארשעמט און גע'רודפ'ט, דאס באדערט זיי.

דער עקר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער; בפרט היינטיגע צייטן וואס עס בושעוועט א שטורעם ווינט און רייסט אויס יונגע און אלטע ביימער, מענטשן פאלן אוועק פון די אמונה, מענטשן פאלן אוועק פונעם דרך התורה, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדעס קינד באזונדער און מען דארף אסאך פארברענגען מיט זיי.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ד', מכתב רצב)

חינוך אפטיילונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com / טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876